NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03958

UNZER RING

Lazar Fogelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבעטער רינג
קינדער ביבליאָטעק

אונזער רינג

(אַ געשיכטע פון דעם אַרבעטער רינג).

פון דר. ל. פאָגעלמאַן.

31[illegible]
נאַציאָנאַלע יידישע ביכער צענטראַלע
National Yiddish Book Exchange

אַרויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבעטער רינג, 1931.

אַ קליין רינגעלע האָט זיך אויסגעשמידט

איך וויל אייך דאָ דערציילן אַ מערקווירדיקע געשיכטע. אָנגעהויבן האָט זיך די געשיכטע נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, און זי האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט ביז דעם היינטיקן טאָג. פאַרקערט, וואָס ווייטער, אַלץ לייִנגער און ברייטער ציט זיך די געשיכטע און זי ווערט נאָך מער אינטערעסאַנט ווי פריער. און די הויפּט זאַך איז דאָס, וואָס איך האָב די געשיכטע ניט אויסגעטראַכט; ניין, אַלץ, וואס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָט אין דער אמת'ן פּאַסירט:

* * *

דאָס איז געווען אין אָנהויב פרילינג, אין דעם יאָר 1892, אין דער שטאָט ניו יאָרק. צוויי אידישע אַרבעטער, סעם גרינבערג און הערי לאַסקער, וועלכע האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין אַ שנייַדער־שאַפּ, האָבן באַשלאָסן צו גרינדן פאַר אַרבעטער אַ פּאַראיין, כדי צו באַקענען זיך נעענטער איינער מיט דעם צווייטן, צו באַפריינדן זיך און פאַרברייננגען צוזאַמען די צייט אויף אַן אָנגענעמען און נוצלאַכן אופן.

זיי האָבן פאָרגעלעגט זייער פּלאַן צו זייערן אַ פריינד, אַ היטל־מאַכער מיט'ן נאָמען גאָלדרייך, וועלכער איז גלייך צוגעשטאַנען צו זיי און וועלכער האָט צוגעצויגן נאָך עטלאַכע אַרבעטער.

אין אַ פרייען טאָג, דעם פערטן אַפּריל, 1892, האָבן זיי אַלע זיך צונויפגעקליבן אין סעם גרינבערג'ס הויז און האָבן געגרינדעט אַ פאַראיין, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „אַרבעטער רינג פאַראיין".

אין די שעפּער, וואו די אידישע אימיגראַנטן פלעגן אָנקו־מען, פלעגט הערשן די ווילדסטע עקספּלואַטאַציע וואס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן.

אין אַ פינסטערן, פייכטן און שמוציגן צימער פלעגן אַר־בעטן ביי דער שווערסטער אַרבעט צענדליגער אַרבעטער פון 15 ביז 18 שטונדן אַ מעת־לעת. פאַר זייער שווערער אַרבעט פלעגן זיי באַקומען פון צוויי ביז דריי דאָלער אַ וואָך. פאַר אַזא געהאַלט פלעגן זיי קוים קענען דערהאַלטן די נשמה און פלעגן ניט קענען דינגען אפילו קיין איינציגן צימער פאַר זיך. פילע פון זיי האָבן געקענט דינגען פאַר זיך בלויז אַ ווינקל צו שלאָפן ערגעץ אין אַ קיך, אָדער אין אַן אַנדער פינסטערן צימער אָן ליכט און אָן לופט. אַזוי האָט זיך פאַרשפּרייט דער „באָרדער", וועלכער איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס.

דער אַמאָליגער שאַפּ איז געווען אַ פּלאָץ, וואו דער אַרבע־טער פלעגט גיך פאַרלירן דעם געזונט און די קרעפטן. דאַרי־בער האָבן די אַמאָליגע שעפּער, וואו עס האָבן געאַרבעט די ערשטע אידישע אימיגראַנטן, באַקומען דעם טרויעריגן נאָמען „סוועט שאַפּ", דאָס הייסט אַ שאַפּ, וואו מען אַרבעט שווער, מיט שוויים. פון אַזעלכע שעפּער פלעגן מענשן אָפט באַקומען קראַנקע לונגען, קראַנקע הערצער, קראַנקע אויגן און אַלערליי שווערע קראַנקהייטן בכלל. ניט אומזיסט האָט מען טובערקו־לאָזיס (אָדער ווי מען רופט עס פאַרקירצטערהייט „טי־בי") אָנ־גערופן די „פראָלעטאַרישע קרענק".

און ניט נאָר פון דעם „סוועט־שאַפּ" אַליין האָט מען גע־קענט לייכט קריגן פאַרשיידענע קראַנקהייטן און פאַרקירצטע יאָרן; אויך די וואוינונגען פון די אידישע אַרבעטער זיינען גע־ווען נעסטן פון אַלערליי קראַנקהייטן און מגפות. די אָרימע טענעמענט־הייזער, וואו די מערסטע אידישע אַרבעטער האָבן געלעבט, זיינען געווען פאַרפּעסטעטע, פינסטערע און פייכטע ווינק־לען, וואו ווינטער איז קאַלט און זומער אומערטרעגליך הייס. דאָס זיינען אויך געווען געפערלאַכע פייער־פּאַסטקעס, וואו מען איז געווען ניט זיכער מיט'ן לעבן. אַזעלכע הייזער זיינען, צום

אַרבעטער רינג מיטל־שול פון פילאַדעלפיע.

באדויערן, נאָך ניט פארשוואונדן אין די אָרימע געגענטן ביז דעם היינטיגן טאָג; ביז איצט נאָך קענען מיר געפינען טויזנטער אָרימע פאַמיליעס, וועלכע וואוינען אין אַזעלכע הייזער פון יענע יאָרן. דאַמאָלסט אָבער האָבן כמעט אַלע אידישע אַרבעטער גע־לעבט אין אַזעלכע וואוינונגען.

ווי מיר זעען, איז זייער שווער געווען דאָס לעבן פון די אידישע אַרבעטער אין יענע יאָרן, ווען דער „אַרבעטער רינג פאַראיין" האָט זיך געגרינדעט. קיין יוניאָנס זיינען נאָך דאַ־מאָלסט ניט געווען צו באשיצן די אַרבעטער פון דער שרעק־לאכער עקספּלואַטאַציע אין די שעפּער. קיין אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע זאָלן אויפקלערן פאַר די אַרבעטער זייער לאַגע, זיינען נאָך אויך ניט געווען. עס האָט געהערשט אַ פולשטענדיגע הפקרות, אַ מין שקלאַפעריי פון כלומרשט פרייע מענשן אין אַ פרייען לאַנד.

ווען דער „אַרבעטער רינג פאַראיין" האָט זיך געגרינדעט, האָבן די מיטגלידער צום ערשטן מאָל גענומען טראַכטן און רעדן וועגן זייער לאַגע. די גרינדער פון דעם „פאַראיין" האָבן אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיט'ן טראַכטן און רעדן אַליין וועלן זיי זיך ווייניג העלפן: מען מוז אַרבעטן, מען מוז פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק וועגן אַ פאַראייניגונג צווישן די אַרבעטער, מען מוז די אַרבעטער ענג פאַרבינדן צוזאַמען אין איין אָרגאַניזאַציע, אין איין שטאַרקן אַרבעטער־פאַראיין. ערשט דאַמאָלסט, ווען אַזאַ פאַראייניגונג וועט פאָרקומען, וועט מען קענען אויסקעמפן אַ בעסערן לעבן. מען האָט גענומען רעדן מיט די אַרבעטער אין די שעפּער און מען האָט גענומען פאַר זיי אויפקלערן זייער לאַגע און אויך די צילן פון דעם „פאַראיין". די ווערטער האָבן גע־קראָגן אַן אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער. די אַרבעטער האָבן דערזען פאַר זיך אַ שטראַל פון האָפנונג; זיי האָבן דערזען אַן אויסוועג פון זייער שווערן פאַרשקלאַפטן לעבן, און זיי האָבן אויפגעלעבט. זיי האָבן מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רייד פון די עטלאַכע גרינדער פון „פאַראיין", האָבן זיך אָפּגע־רופן און גענומען העלפן; אַלץ מער און מער אַרבעטער האָבן זיך

אָנגעשלאָסן אָן דעם „אַרבעטער רינג פאַראיין", וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן זייער באַליבט ביי די אַרבעטער.

דער „אַרבעטער רינג פאַראיין" איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט און האָט ביסלעכווייז פאַרגרעסערט די צאָל פון זיינע מיטגלידער, אַזוי אַז מען האָט געמוזט שוין דינגען אַ ספּעציעלן האָל, וואו זיך צו פאַרזאַמלען.

די מיטגלידער פון דעם „אַרבעטער רינג פאַראיין" האָבן זיך געפילט ווי נאָענטע חברים, ווי פריינד, און זיי האָבן טאַקע איינער דעם צווייטן גערופן מיט'ן נאָמען „פ ר יי נ ד". זייער הויפּט ציל איז געווען צו שטיצן איינער דעם צווייטן אין פאַל פון אַ נויט, אָנצופירן בילדונגס־אַרבעט און דורכצופירן פאַרשיידענע נוצלאַכע אונטערנעמונגען.

גאַנץ אָפט פלעגט מען זיך אין דעם „פאַראיין" פאַרווײַלן אויף אַן אָנגענעמען היימישן שטייגער; אָבער אויסער פאַר־וויילונגען פלעגט דאָרטן אָנגעפירט ווערן אויך ערנסטע אַרבעט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן ליכט אין דעם דאַמאָלסטדיקן פינסטערן לעבן פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דעם פאַראיין.

די ערשטע צייט האָט דער „פאַראיין" זיך ניט זייער שטאַרק ענטוויקלט. געווען אפילו מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז אָט, אָט שטאַרבט ער אָפּ אינגאַנצן. אָבער קענטיק, ער האָט געהאַט אין זיך אַ שטאַרקע לעבנס־קראַפט, ווייל פון אַלע שווערע מאָמענטן איז ער אַרויס אַ גאַנצער, און איז ניט אומ־געקומען.

אַכט און אַ האַלב יאָר האָט אָפּגעלעבט דער קליינער „פאַר־איין", וועלכן עס האָבן געגרינדעט עטלאַכע אידישע אַרבעטער פון ניו יאָרק אין יאָר 1892, דאָס הייסט מיט קאַרגע פיר צענדליק יאָר צוריק.

קינדער כאָר פון די א. ר. שולן אין ניו יאָרק.

פון אַ רינגעלע ווערט אַ רינג

אין דעם יאָר 1900 איז יענער „פאַראיין״ געוואָרן אַ אָרדן, וועלכער האָט געקראָגן דעם נאָמען „ א ר ב י י ט ע ר ר י נ ג״; דאָס איז דער זעלבער „אַרבעטער רינג״, וואָס איז איצט באַקאַנט אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל פון אַמעריקע, און אַפילו אויף יענער זייט ים.

איצט איז דער „אַרבעטער רינג״ אַ גרויסער און מעכטיגער אַרבעטער־אָרדן, וואָס פאַראייניקט דעם טאַטן און דעם זון, דער מאַמען און די טאָכטער. ביידע דורות, דער עלטערער דור און דער אינגערער, האָבן געפונען פאַר זיך איין אַלגעמיינעם באַליבטן פּלאַץ — דעם „אַרבעטער רינג״, וועלכער איז פאַר זיי געוואָרן דער אמת'ער ר י נ ג , וואָס פאַרבינדט זיי צוזאַמען.

א מעכטיגע אָרגאַניזאַציע איז אויסגעוואַקסן פון אַ קליי־נעם אָרימען „פאַריין״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ערגעץ אין אַן ענגן צימער פון אַ פינסטערן טענעמענט־הויז.

אַ פּאָר אָרימע אידישע אַרבעטער, בענקענדיק אין דער איינזאַמקייט פון דעם אַמעריקאַנעם „סוועט־שאָפּ״ נאָך אַ פריינטלאַכער געזעלשאַפט, נאָך אַ חבר'שער וואַרימער לופט, האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ צוקונפטיקער הער־לאַכער גרויסער געביידע. זייער ווייניק האָט מען דאַמאָלסט געוואוסט וועגן דעם נייעם „פאַריין״. אָבער זעט, וואָס פאַר א וואונדער ס'איז געשען, וואָס פון יענעם קליינעם „פאַריין״ איז אויסגעוואַקסן פאַר די פיר צענדליק יאָר.

ווער פון די אידן אין אַמעריקע ווייס איצט ניט וועגן דעם גרויסן, מעכטיקן „אַרבעטער רינג״, וואָס האָט פאַרשפּרייט זיינע

צווייגן אין דער ליינג און אין דער ברייט, אומעטום, וואו עס לעבן נאָר אידישע משפחות?

ווער וואָלט מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר צוריק געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז פון אַ הייפעלע אידישע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן אין אַן אָרימען „פאַראיין", וועט שפּעטער אויסוואַקסן אַזאַ ריזיגע משפּחה, וואָס ציילט פיל צענדליקער טויזנטער מיטגלידער, וואָס האָט אָפּטיילונגען אפילו אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון דער סאַוט און וועסט? ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז פון יענעם קערנדל, וועלכער איז פאַרזייט געוואָרן אין אַ האַרטער שטיי־נערנער ערד פון דער ניו יאָרקער איסט סייד, וועט אויסוואַקסן

א. ר. קינדער אָרקעסטער אין ניו יאָרק.

אַ וואונדערבאַרער בוים, וואָס וועט מיט זיינע וואָרצלען און צווייגן פאַרכאַפּן צענדליקער אַמעריקאַנער שטעט? אַ בוים, וואָס וועט מיט זיין קראַפט שיצן ניט נאָר די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, נאָר אויך אונזערע ליידנדע ברידער אין די אייראָפּעאישע לענדער? ווער האָט זיך דאָס אַלץ געקענט פאָרשטעלן?

צי קלינגט עס ניט ווי דאָס וואונדער־מעשה'לע, וואָס מען

דערציילט אונז אין אונזערע קינדער־יאָרן, פון אן עלנדן בעט־לער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן א מעכטיקער פּרינץ?

דער „ארבעטער רינג״ איז איצט א מין מלוכה, וואָס פאַר־מאָגט מיליאָנען דאָלער און גיט אוים הונדערטער טויזנטער דאָלער א יאָר פאר פאַרשיידענע נאָבעלע צוועקן: ער האָט אייגענע שולן, אייגענע קעמפּס, אייגענע כאָרן, אייגענע אָרקעסטערס, דראמאַטישע סטודיעס, אן אייגענעם סאַנאַטאָריום, אן אייגענעם בית־עולם און אייגענע אנדערע וויכטיקע דעפּאַרטמענטס און אנשטאַלטן. ער קען זיך פארגלייכן מיט אייניקע קליינע מלוכה־לאך אין זיינע אויסגאַבן און איינקונפטן, אָבער ער האָט ניט די שעדלאַכע מיליטערישע און ענגהארציקע פאַרלאַנגען פון אזעלכע מלוכה׳לאך. זיין צוועק און זיין פאַרלאַנג איז — צו העלפן שאַפן א נייע, שענערע וועלט, א פרייע וועלט, וואו מענטשן זאָלן זיך פילן גליקלאך און וואו עס זאָלן ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. צו דערגרייכן אזא נייע וועלט איז דער טרוים פון די בעסטע מענטשן אין פאַרלויף פון דורות; דער „ארבעטער רינג״ וויל צוזאמען מיט דער אַלוועלטלאכער ארבעטער באוועגונג דעם טרוים פאַרווירקלאכן און מיט זיין ארבעט העלפט ער ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלאך דעם טרוים דורכצופירן אין לעבן.

שולן, קעמפּס און יוגנט קלובן.

אין דעם „ארבעטער רינג" געפינען איצט די עלטערן זייערע פריינט נאָך פון די אַלטע צייטן, די פריינט, מיט וועמען זיי האָבן צוזאמען דורכגעלעבט די שווערע יארן פון ליידן און קאמף. דאָ פארזאמלען זיך אויך זייערע קינדער, וועלכע געפינען פאר זיך אַלץ, נאָך וואס עס בענקען זייערע יונגע הערצער.

פאר דעם יונגן דור האָט דער „ארבעטער רינג" געשאפן שולן, אין וועלכע די קינדער באקענען זיך מיט דער ווייטער און נאָענטער פארגאנגענהייט פון דעם פאָלק, צו וועלכן זיי באלאנגען; דאָ לערנען זיך אוים די קינדער די שפּראַך פון זייערע עלטערן, די שפּראַך, אויף וועלכער זייערע עלטערן האָבן אויסגעדריקט און דריקן אויס אויך איצטער זייערע ליידן און פריידן, די שפּראַך, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבען פון מיליאָנען אידן דאָ און אין אנדערע לענדער אויף יענער זייט ים. אין די שולן, וואָס דער „ארבעטער רינג" האָט אויפגעבויט, באקענט זיך דער יונגער דור נעענטער מיט דעם לעבן פון די ברייטע אידישע ארבעטער-מאַסן, מיט זייער קאמף און מיט זייערע האָפנונגען, מיט זייערע שטרע-בונגען און אידעאַלן. אין די שולן פון דעם „ארבעטער רינג" לער-נען זיך אוים די קינדער צו אכטן און פארשטיין די קולטור פון זייער פאָלק, צו ליבן די שיינקייט פון די אייגנארטיקע אידישע פאָלקס-שאַפונגען, און ריכטיק אָפּצושאצן און פארשטיין די ווערק פון דער אידישער ליטעראטור.

כדי צו וועקן דאָס געפיל פון שיינקייט ביי די קינדער און צו ענטוויקלען זייערע קינסטלערישע פיאיגקייטן זיינען איינגעאָרדנט ביי די „ארבעטער רינג" שולן קינדער-כאָרן, קלאסן פון טענץ, קינדער-אָרקעסטערס, פארשידענע קלובן און אנדערע אזעלכע אנ-



ביים טייך פון א. ר. קעמפ אין פאָלינג, נ. י.

שטאַלטן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט קינדער־ערציאונג. באַזונדער אינטערעסאַנט זיינען די יוגנט־קלובן.

די יוגנט־קלובן פון „אַרבעטער רינג" זיינען יענע פּלעצער, וואו די קינדער קענען פאַרברייגנען זייער פרייע צייט אין נוצלאָ־כער אַרבעט און אין איינגענעמע פאַרוויילונגען. אויסער פרייע דעבאַטן און דיסקוסיעס, וואו עס ווערן באַטראַכט ערנסטע פראַגן, הילכט אויך אָפּ אין די קלובן דאָס לוסטיקע און געזונטע גע־לעכטער פון דער יוגנט. ערנסטקייט מיט לוסטיגקייט, גייסטיקע זוכעניש און זאָרגלאָזע פרייד, אַרבעט און שפּיל — דאָס זיינען די הויפּט אייגנשאַפטן פון דער יוגנט, און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין די קינדער־שולן און יוגנט־קלובן פון אַרבעטער רינג.

עס קלינגען די אומשולדיקע צאַרטע שטימען פון די קינדער אין די כאָרן. עס באַוועגן זיך ליכט און ריטמיש די פלינקע פיסלאַך פון די קינדער אין די לייכטע, גראַציעזע טענץ; עס לויפן שנעל און קונציג די קינדערשע הענטלאַך איבער די סטרונעס פון די מאַנדאָלינעס; עס פאַרהילכן די לופט די היציקע יונגע שטימען פון די עלטערע קינדער אין זייערע ערנסטע דעבאַטן; עס באַ־וועגט זיך לעבעדיק דאָס גאַנצע קינדערשע וועלטל, וואָס האָט אויפגעלעבט אַרום דעם „אַרבעטער רינג".

און קומט זומער, ווערן די לעבעדיקע קלאַנגען פון דער קינדער־וועלט אַריבערגעטראָגן אויף די פרייע פעלדער פון די קעמפּס, וואָס דער „אַרבעטער רינג" האָט געשאַפן. די זון ברוינט צו די קינדערשע צאַרטע פּנים'ער און גיסט אריין פרישקייט און געזונט אין די יונגע קערפּערס. די אַרבעט פון די שולן און אַרום די שולן ווערט מערסטנס אַריבערגעטראָגן אויף זומער אויסער דער שטאָט, אויף „דער שויס פון דער נאַטור". אין שטאָט פירט מען די קינדער פון די „אַרבעטער רינג" שולן אין די מוזעאומס, טעאַטערס און מואַווים, וואו עס ווערן געוויזן ספּעציעלע וויסנ־שאַפטלאַכע בילדער, און דאָ, אין די קעמפּס, פירט מען זיי אַרום איבער די ברייטע פעלדער און וועלדער צו באַקענען זיי מיט די שאַפונגען פון דער גרעסטער וועלט־קינסטלערין — פון דער נ אַ ט ו ר.

בילדונג און קונסט פאַר דערוואַקסענע

אָבער ניט פאַר די קינדער אַליין זאָרגט דער ארבייטער רינג, אויך פאַר די דערוואַקסענע שאַפט ער וויכטיקע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס. ער ברייננגט צו זיינע מיטגלידער בילדונג און קונסט אויף פאַרשיידענע וועגן. אפילו אין די פּאַרוואָרפענע ווינקלען פון אַמעריקע שיקט ער זיינע שלוחים, וועלכע טראָגן אריין אין די פאַרשלאָפענע, האַלב־טויטע אידישע היימען אַ נייעם לעבן און אַ אינטערעס אין דעם אידישן לעבן און אין דער אידישער קולטור.

די בעסטע אידישע לעקטאָרס און שרייבער ווערן אויסגענוצט פון דעם „ארבעטער רינג" פאַר לעקציעס איבער פאַרשיידענע פראַגן. אויף די וועכנטלאַכע אָפּען־פאָרומס פון דעם „ארבעטער רינג" ווערן באַטראַכט און דיסקוטירט די וויכטיקסטע פראַגן פון טאָג, וועלכע ווערן באַלויכטן פון די לעקטאָרס אין אַ פרייען פּראָגרעסיוון גייסט.

פון צייט צו צייט ווערן איינגעאָרדנט ספּעציעלע אָוונטן, וואו עס ווערן געלייענט און באַטראַכט די ווערק פון די בעסטע אידישע שרייבער. אַזעלכע שרייבער־אָוונטן, וועלכע דער „אַר־בעטער רינג" האָט איינגעאָרדנט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר, ווי אויך די לעקציעס און אָפּען־פאָרומס, האָבן ארויסגערופן אַ טיפן אינטערעס ביי דעם אידישן עולם.

אָבער מיט די לעקציעס אַליין באַנוגנט זיך ניט דער „ארבע־טער רינג": ער אָרדנט איין קאָנצערטן און פירט דורך מוזיקאַלי־שע פּראָגראַמען דאָרט, וואו ס'איז נאָר מעגלאַך. אפילו צו די אָפּען־פאָרומס גופא און צו די לעקציעס גיט צו דער „ארבעטער רינג" מוזיקאַלישע און דראַמאַטישע נומערן, וועלכע זיינען אַן

אַרבעטער רינג מיטל־שול פון ניו יאָרק.

אנגענעמער און נוצלאכער צוגאָב צו דער לעקציע און וועלכע טראָגן אריין א לוסטיקן פארוויילונגס־גייסט אין דער ערנסטער בילדונגס־ארבעט.

פאר אזעלכע קאָנצערטן ווערן אויסגענוצט ניט נאָר זייטיקע קינסטלער, נאָר אויך די מוזיקאלישע און ארטיסטישע קרעפטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין די אנשטאלטן פון דעם „ארבעטער רינג" גופא, — אין דעם „ארבעטער רינג" כאָר און אין דעם מאנדאָלין אָרקעסטער, ווי אויך אין דער פרייער



אלגעמיינער אויסזען פונ'ם א. ר. קעמפ אין שיקאגאָ.

אידישער פאָלקס־בינע פון דעם „ארבעטער רינג". דער „ארבעטער רינג" כאָר, די פאָלקס־בינע און דער מאנדאָלין אָרקעסטער רופן ארויס און אנטוויקלען די קינסטלערישע פעאיקייטן פון די יונגע אידישע ארבעטער און ארבעטערינס, וועלכע וואָלטן אָן דעם „ארבעטער רינג" ניט געהאט קיין שום געלעגנהייט אויפ־צואוועקן אין זיך די פארבאָרגענע גייסטיקע כוחות.

דער „ארבעטער רינג" טוט זיין וויכטיקע קולטור־ארבעט מיט אלע מעגלאכע מיטלען, אויף פארשיידענע וועגן. ער פּראוווט דערגרייכן די הערצער און מוחות פון די אידישע מאסן מיט לעקציעס, מיט אָפּען־פאָרומס, מיט קאָנצערטן, מיט קורסן און שולן, און אויך מיט דעם געדרוקטן וואָרט, מיט ביכער און בראָשורן איבער פארשיידענע פראגן, מיט א ספּעציעלן זשור־נאל („דער פריינד"), מיט בעסערע שאפונגען, וועלכע ער מונ־טערט אויף מיט דער הילף פון פרייזן און מאטעריעלער שטיצע.

זייער א ברייטע, א פיל־זייטיגע, א פארצווייגטע בילדונגס־ארבעט ווערט אָנגעפירט פון דעם „ארבעטער רינג", און עס ווערן געמאַכט אלע נייע און פּלענער ווי אזוי די נוצלאכע קולטור־ארבעט נאָך מער אויסצושפּרייטן, נאָך טיפער צו פאר־פלאַנצן און נאָך פעסטער אוועקצושטעלן.

ווי מיר זעען, שטרעבט דער „ארבעטער רינג" מיט פארשיידענע מיטלען צו ענטוויקלען פריי און טיף די פייאיגקייטן פון דעם קינד, צו וועקן אין אים די בעסטע געפילן און נייגונגען און איינ־צופלאַנצן אין אים א שטרעבונג צו א בעסערער וועלט, צו א גע־רעכטער אָרדנונג, וואו עס וועט ניט זיין אזוי פיל פּיין און ליידן, ווי איצט.

אזוי האָט פאר די לעצטע יאָרן דער „ארבעטער רינג" פאר־שפּרייט איבער אמעריקע א נעץ פון פיל צענדליקער שולן, וואו עס לערנען זיך טויזנטער קינדער; ער האָט אויפגעבויט קעמפּס, וואו עס רוען אין די זומער־מאָנאַטן טויזענטער קינדער פון ארבע־טער־פאמיליעס; ער האָט געשאפן א רייע קלובן, כאָרן און אָרקעסטערס, וואו אונזערע קינדער געפינען אן אמת'ן גייסטיקן גענוס.

הילף פאַר קראַנקע

דאָס איז די אַרבעט, וואָס דער „אַרבעטער רינג" פירט-דורך, כדי צו באַזאָרגן אונזער נשמה מיט גייסטיקער שפּייז. אָבער אויך אונזער קערפּער נויטיקט זיך אין אויפפּאַסונג און אין אַ ריכטיקער באַהאַנדלונג, איבערהויפּט ווען ער ווערט קראַנק. דער „אַרבעטער רינג" פאַרנאַכלעסיקט ניט אויך אונזערע קערפּערלאַכע נויטן.

אין אַמאָליקע יאָרן, ווען אַן אָרימער אַרבעטער פלעגט קראַנק ווערן, פלעגט זיין לאַגע ווערן פשוט אומדערטרעגלאַך: ניט ער פלעגט האָבן די ריכטיקע מעדיצינישע הילף, ניט ער פלעגט האָבן די נויטיקע אומשטאַנדן צו פאַרריכטן זיין געזונט, און ניט ער פלעגט האָבן די מיטלען אָנצוהאַלטן זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין פאַמיליע אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט. איבער דעם קאָפּ פון דעם אידישן אַרבעטער פלעגט שטענדיק הייגגען די קללה פון קראַנקייטן, פון עלטער און פריצייטיקן טויט. טובערקולאָזיס („טי-בי") אָדער „טשאַכאָטקע", ווי מען פלעגט עס רופן אין דער אַלטער היים, פלעגט זיין זייער אַן אָפטער גאַסט אין די אידישע היימען אין אַמעריקע. טויזנטער קרבנות פלעגט אָט די „פּראָלעטאַרישע קרענק" אוועקרויבן פון די פינצטערע, פאַרפּעסטעטע היימען, אין וועלכע די אָרימע אַרבעטער האָבן געלעבט אין די גרויסע שטעט.

דער „אַרבעטער רינג" האָט זיך גענומען באַזאָרגן זיינע מיטגלידער מיט הילף אין פאַל פון אַ קראַנקייט. ער האָט אויסגעבויט פאַר זיינע מיטגלידער אַ שיינעם סאַנאַטאָריום אין ליבערטי, וואו שווינדזוכטיקע אָדער מענטשן מיט שוואַכע לונגען

קענען פריי פארברייענגען ניין מאָנאַטן אויף דער פרישער לופט, אונטער דעם אויפזיכט פון דאָקטוירים, לונגען־ספּעציאַליסטן.

א גאַנצער מעדיצינישער דעפּאַרטמענט איז איינגעשטעלט געוואָרן פון דעם „ארבעטער רינג". דאָרט קען יעדער מיטגליד פון דעם „ארבעטער רינג" קריגן ניט נאָר א ראַט ווענן א דאָקטאָר אָדער ווענן א האָספּיטאַל פאַר אים און פאַר זיין פאַמיליע, נאָר ער קען אויך קריגן די הילף פון א דאָקטאָר א ספּעציאַליסט פאַר קלענערער געצאָלט ווי דער דורכשניטלאַכער פּאַציענט. ווען עס קומט אוים צו מאַכן אן ערנסטע אָפּעראַציע, קען מען דורך דעם מעדיצינישן דעפּאַרטמענט פון דעם „ארבעטער רינג" באַהאַנדלט ווערן פון אן אָנגעזעענעם ספּעציאַליסט פאַר א גאַנץ מעסיקן פּרייז.



קעמפּ „וונגוועלט", טאָראָנטאָ, קענעדע.

און אויב דער „ארבעטער רינג" האָט נאָך ביז איצט ניט באוויזן צו שאַפן פאַר זיינע מיטגלידער אן אייגענעם האָספּיטאַל, מיט אייגענע דאָקטוירים, האָט ער דאָך אלס אן אָנהויב שוין געשאַפן אן אייגענעם קליניק פאַר פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

דאָס איז די ארבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם



דער אַרבעטער רינג סאַניטאַריום אין ליבערטי נ. י.

„ארבעטער רינג“ צו באזארגן זיינע מיטגלידער מיט מעדיצי־ נישער הילף. אבער דאס איז נאך ניט אלץ. ווען א מענטש ווערט קראנק, נויטיקט ער זיך ניט נאר אין א דאקטאר אליין, אדער אין א האספיטאל; ער נויטיקט זיך אפט אויך אין געלט פאר זיך און פאר זיין פאמיליע. ווען מען קען ניט ארבעטן, ווערט די פראגע פון געלט אפטמאל פיל שארפער ווי די פראגע פון מעדיצינישער הילף.

דעריבער האט דער „ארבעטער רינג“ איינגעפירט אויך שטיצע פאר קראנקע מיטגלידער, דאס וואס מען רופט „קראנקן־ בענעפיט“.

יעדער קראנקער מיטגליד פון דעם „ארבעטער רינג“ איז בארעכטיקט צו באקומען פון 8 ביז 28 דאלאר א וואך אין דער צייט פון זיין קראנקהייט. דער ברענטש, צו וועלכן דער מיט־ גליד באלאנגט, קען אויסערדעם פון זיין זייט אויך געבן א וועלכע ס׳איז שטיצע, אויב ער געפינט עס פאר נויטיק און פאר מעגלאך.

פאר ערנסטע קראנקע, וועלכע נויטיקן זיך אין א לייננגערער מעדיצינישער באהאנדלונג און וועלכע דארפן אנקומען צו דער הילף פון א סאניטאריום, איז איינגעפירט געווארן א שטיצע פון 400 ביז 600 דאלאר.

הונדערטער טויזנטער דאלאר א יאר קאסט אפ דעם „אר־ בעטער רינג“ די מעדיצינישע הילף און די הילף פאר קראנקע, וועלכע איך האב דא אנגעמערקט.

ווען דער טראַגישער סוף קומט אָן...

אָבער ווי מען זאָל ניט פאַרהיטן אַ מענטשן פון קראַנקייטן און ווי מען זאָל אויף אים ניט אויפפּאַסן אין זיין קראַנקן צושטאַנד, איז דאָך ניטאָ אין דעם מענטשנ'ס הענט אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל אים קאָנען פאַרהיטן פון דעם אומפאַרמיידלאכן טראַגישן סוף, וועלכער מוז פאָרט אַמאָל קומען.

ווען דער טרויעריקער מאָמענט קומט אָן און עס שלאָגט די לעצטע שעה, קאָן קיינער אין דער וועלט ניט העלפן: מען מוז דאַן פאַרענדיקן דעם וועג און אַריבערגיין אין אַן אַנדערע, אין אַ געהיימניספולע וועלט.

דאַכט זיך, עס מאַכט גאָר ניט אויס, וואָס עס יועט מיט אונז זיין נאָכ'ן טויט, וואו אונזערע ביינער וועלן ליגן, וואו אונזערע מצבות וועלן שטיין. פאַר די טויטע מאַכט געוויס ניט אויס. אָבער פאַר די לעבעדיקע מאַכט עס יאָ אויס. עס ווילט זיך ניט, אַז אונזערע נאָענטע מענטשן און אַז מיר אַליין זאָלן „איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר" ליגן ערגעץ ווייט, ווייט, צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן, אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אַ צופעליקן בית־עולם. אייניקע מענטשן טראַכטן וועגן זייערע קברים כמעט ניט ווייניקער ווי וועגן זייערע היימען. רייכע מענטשן קויפן אָפּ פאַר זיך נאָך ביים לעבן געוויסע פלעצער, באַפּוצן זיי מיט בלומען, בויען אויס אויף זיי שיינע שטיינערנע קברים מיט מאָנומענטן, באַזאָרגן זיך דאָרט מיט פלעצער פאַר זייער גאַנצער פאַמיליע, און פאַסן־אויף אויף אַזעלכע „פאַמיליען־קברים" פונקט ווי אויף די הייזער, וואו זיי וואוינען לעבעדיקערהייט.

עס איז אַ פאַרשטענדלאכער און נאַטירלאכער געפיל צו זאָרגן אויך וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין נאָך אונזער טויט. ווען ניט

אזא געפיל, וואָלט די גאַנצע וועלט אָרימער און הפקר׳דיקער אויס־געזען. נאָר חיות טראַכטן ניט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין נאָך זייער טויט.

און ס׳איז געווען א געזונטער און קלוגער געדאַנק ביי די טוער פון דעם „ארבעטער רינג" צו שאפן אן אייגענעם בית־עולם פאר די אייגענע מיטגלידער: „אויב מיר האָבן געלעבט צוזאמען ווי פריינט ביים לעבן, טאָ לאָמיר זיין צוזאמען ווי נאָהענטע פריינט אויך נאָכ׳ן טויט".

דאָס איז עפּעס אן אייגנגענעמער און רירנדער געפיל: צו זיין ניט ווייט פון אונזערע פריינט אויך נאָכ׳ן טויט.

און אזוי איז געשאפן געוואָרן דער „ארבעטער רינג" בית־עולם, וואו עס ליגן ניט נאָר מיטגלידער פון דעם „ארבעטער רינג", נאָר אויך די פארשטאָרבענע גרעסטע פערזענלאָכקייטן, וועלכע האָבן געשפּילט א באדייטנדע ראָלע אין אונזער אידישן אָרבעטער־לעבן, כאָטש זיי זיינען קיין מיטגלידער פון „ארבעטער רינג" ניט געווען.

עס פארשטייט זיך, אז אזא בית־עולם קען ניט קלענער מאכן די טראַגעדיע פון שטאַרבן, די טראַגישקייט פון דעם טויט אליין, אָבער דאָס קען פיליַיכט ברענגען א געוויסע טרייסט.

ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען מיט אן אָנגעזעענעם אייראָפּייאישן גאַסט צו באזוכן דעם „ארבעטער רינג" בית־עולם. ער האָט מיט גרויס אינטערעס באקוקט די שיינע מצבות פון די באַרימטע אידישע שרייבער און כלל־טוער, איבערגעלייענט אַלע אויפשריפטן אויף די מצבות, האָט זיך פארטראַכט און האָט דער־נאָך שטיל אַרויסגערעדט:

„ס׳איז באמת א כבוד צו ליגן דאָ; עס לוינט, כ׳לעבן, אָפּ־צוגעבן א לעבן כדי צו ליגן דאָ, אין אָט דער רייע, זייט ביי זייט מיט די אַלע מענטשן"...

און איך גלויב, אז דער גאַסט איז געווען גערעכט: קיין גרויסער פאַרגעניגן צו ליגן אין דער ערד איז קיינמאָל ניט, אפילו ווען מ׳זאָל ליגן ערגעץ אין א מוזעאום, אדער אונטער א גרויסן

מאָנומענט, אָבער דאָך איז אַ כבוד און אַ טרייסט פאַר דעם לעבע־דיקן צו פילן, אַז נאָכ׳ן טויט וועט ער זיין צווישן די, וועמען ער האָט געליבט און געאַכטעט ביים לעבן.

און דאָס איז דער וויכטיקסטער אויפטו פון דעם „סעמעטערי דעפּאַרטמענט" פון דעם „ארבעטער רינג".

אגב, די לעבעדיקע קרובים פון דעם פאַרשטאָרבענעם ווערן געטרייסט און געהאָלפן ניט נאָר מיט דעם קבר, וועלכן מען גיט דעם טויטן, נאָר אויך מיט אַ סומע געלט פון 200 ביז 3,000 דאָלער, אין וועלכער יעדער מיטגליד פון דעם ארבעטער רינג איז פאַר־זיכערט.

אמת, מען קען דעם טויטן ניט לעבעדיק מאכן, אָבער דאָך אַ שטיצע פון עטלאַכע הונדערט אָדער פון עטלאַכע טויזנט דאָלער איז אַמאָל אַ גאַנץ נוצלאכע זאַך, איבערהויפּט ווען נאָך דעם פאַר־שטאָרבענעם בלייבט גאָרנישט ניט איבער.

אַן עצה פון אַ פריינט

ווער פון אונז איז אַמאָל ניט געווען אין אַ שווערער פאַרלעגנ־הייט? ווער פון אונז האָט אַמאָל אין לעבן ניט איבערגעלעבט אַזאַ מאָמענט, ווען עס דוכט זיך אויס, אַז אָט־אָט עקט זיך די וועלט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום אויסוועג פון דער שווערער לאַגע און אַז אונזער לעבן איז שוין אינגאַנצן אויסגעשפּילט?

טרויעריג זיינען אַזעלכע מאָמענטן פון לעבן: די פאַרצווייפ־לונג קען אונז דערפירן צו די נאַרישסטע, אומזיניקסטע שריט. און אין אַזעלכע מאָמענטן קען אַן עצה פון אַ פריינט פאַרהיטן אונז פון אַ פאַלשן שריט, אַמאָל אפילו ראַטעווען פון אַן אומגליק. ניט אַלע מאָל אָבער האָבן מיר אַזעלכע פריינט ארום זיך; ניט אַלע מאָל אַגב קענען מיר אפילו אַ נאָענטן פריינט אויסדערציילן אַלץ, וואָס עס דריקט אונז אויפ׳ן הארצן; אַמאָל איז גראַד בע־סער צו באַראַטן זיך מיט אַ פרעמדן מענטשן, וועלכער האָט פיל ערפאַרונג אין לעבן און וועלכער איז גרייט אויסצוהערן אונז אויפ־מערקזאַם, מיט טיפן אינטערעס און מיטגעפיל. אַזאַ פריינט קען

קינדער מאַנדאָלין אָרקעסטער, האַרטפאָרד, קאָנג.

אונז אמאָל אַ פיל בעסערן ראַט געבן און קען גיכער אַרויסהעלפן ווי אַן אייגענער מענטש.

אין דעם קאָכיקן, טומלדיקן לעבן פון דער גרויסער שטאָט פילן זיך מענטשן אָפט פיל עלנדער ווי אין אַ דאָרף, ווי אין אַ וואַלד. אַזוי ווי אין אַ מדבר בלאָנדזשען אַרום אין דעם קאָך פון דער גרויסער שטאָט אַזעלכע איינזאַמע נשמות, וועלכע זוכן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיי געבן אַ טרייסט אָדער די נויטיקע הילף.

דער „אַרבעטער רינג" האָט זיך פאַרטראַכט אויך וועגן אַזעלכע פאַרצווייפלטע מענטשן. ער האָט באַשלאָסן אויך פאַר זיי צו שאַפן אַזאַ אַנשטאַלט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט זייערע צרות און אַרויסהעלפן זיי אין זייער לאַגע.

דאָס איז די סאָציאַלע, די געזעלשאַפטלאַכע הילף, וואָס ווערט געגעבן פון דעם „סאָשל סוירוויס דעפּאַרטמענט" פון „אַרבעטער רינג". דאָס איז אַ נייע אינסטיטוציע אין דעם גרויסן אָרדן. דאָס אַליין, וואָס דער „אַרבעטער רינג" האָט זיך פאַרטראַכט וועגן סאָציאַלער הילף פאַר זיינע מיטגלידער, באַווייזט אונז קלאָר, ווי ברייט עס פאַרשפּרייט זיך די אַרבעט פון דעם אַרבעטער אָרדן.

דער נייער דעפּאַרטמענט האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן מיט אַן עצה און אויך מיט אַנדערע ווירקזאַמע מיטלען יעדן מיטגליד, וועלכער ווענדט זיך צו אים אין פאַל פון אַ נויט אָדער אין אַ וועלכער ס'איז פאַרלעגנהייט.

דער „אַרבעטער רינג" האָט אויסגעשטרעקט זיין פריינטלאַכע האַנט צו די אידישע מאַסן און ער העלפט זיי מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלאַך און ווען ס'איז נאָר מעגלאַך. און די מאַסן האָבן די אויסגעשטרעקטע האַנט אָנגעכאַפּט מיט דאַנקבאַרקייט: צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און אינטעליגענטן, בכלל מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, האָבן אַריינגעשטראָמט אין דעם „אַרבעטער רינג" און האָבן אים פאַרוואַנדלט אין דעם גרעסטן אידישן אַרבעטער אָרדן אויף דער וועלט.

דער רויטער קרייץ פון דער אַרבעטער באַוועגונג

און ניט נאָר צו די אידישע מאַסן פון אַמעריקע אַליין האָט דער „אַרבעטער רינג" אויסגעשטרעקט זיין ברייטע, ברידערלאַכע האַנט: ניין, די אַרבעטער מאַסן פון אַלע לענדער אין דער וועלט זיינען אים שטענדיק געווען נאָענט און טייער.

פאַר די פּאָר צענדליק יאָר, וואָס דער „אַרבעטער רינג" עקזיסטירט, האָט ער געגעבן אַ היבש ביסל שטיצע דער אַרבעטער באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. אויף יעדן רוף נאָך הילף פון די אַרבעטער מאַסן, פון וועלכער זייט דער רוף זאָל ניט קומען, האָט דער „אַרבעטער רינג" זיך וואַרים אָפּגערופן.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ער ברייט געשטיצט די געליטענע קרבנות אין אייראָפּאַ; די אייראָפּעאישע אידען, וועלכע האָבן געליטן פון פּאָגראָמען, האָבן ניט איינמאָל דערפילט די ברידערליכע האַנט פון דעם גרויסן אַרבעטער אָרדן אין אַמעריקע; אויך די אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס אין אייראָפּע, ווי צום ביישפּיל, די אידישע שולן אין פּוילן, אָדער דער „מעדעם קינדער־סאַנאַטאָריום", האָבן ניט איינמאָל געקראָגן הילף פון דעם „אַרבעטער רינג".

אַלע אַרבעטער־צייטונגען איבער דער גאַנצער וועלט זיינען אין פאַרשיידענע שווערע מאָמענטן אַריבערגעקומען זייער קריזיס אַ דאַנק דער שטיצע פון דעם „אַרבעטער רינג", וועלכער האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע פּריוואַטלאַכע אָרגאַניזאַציעס, ניט געלאָזן זיי פאַלן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער „אַרבעטער רינג" האָט שטענדיק געהאָלפן בויען די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די אַרבעטער באַוועגונג בכלל מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלאַך געווען: ניט געווען קיין איין באַדייטנדער סטרייק, קיין איין וויכטיקע אונטערנעמונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָדער

פון די יוניאָנס און פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלאַכע אינ־סטיטוציעס, וואו דער „אַרבעטער רינג“ זאָל ניט צולייגן אַ האַנט און ניט העלפן.

דער „אַרבעטער רינג“ איז באמת געוואָרן „דער רויטער קרייץ פון דער אַרבעטער באַוועגונג“. פּונקט ווי דער „רויטער קרייץ“ פאָלגט נאָך אין דער צייט פון מלחמה די קעמפנדע רייען, און העלפט אַרויס אויף יעדן שריט, אַזוי האָט דער „אַרבעטער רינג“ שטענדיק אויך נאָכגעפאָלגט די אַרבעטער באַוועגונג און איר געשטיצט ווי אַ געטרייער ברודער.

און פּונקט ווי דער „רויטער קרייץ“ שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר די געפאַרן פון קריג און וואַנדערט מוטיג אַרום איבער די שלאַכט־פעלדער, אַרומזוכנדיק אונטער אַ האָגעל פון קוילן די פאַרוואונדעטע, די קראַנקע, די געפאַלענע אין קאַמף, אַזוי האָט אויך דער „אַרבעטער רינג“ זיך קיינמאָל ניט אָפּגע־שראָקן פאַר קיין שום געפאַר, און אין די געפערלאַכע און שטורמדיקע מאָמענטן פון דער אַרבעטער באַוועגונג איז ער שטענדיק געוועזן זייט ביי זייט מיט די קעמפנדע אַרבעטער, וועמען ער האָט געהאָלפן ווי אַן איבערגעבענער ברודער.

ניט איין וויכטיקע בלאַט האָט דער „אַרבעטער רינג“ אַריינ־געשריבן אין דער געשיכטע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. דער צוקונפטיקער געשיכטע־שרייבער פון דער אַרבעטער באַוועגונג וועט מוזן ניט איינמאָל דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם „אַרבעטער רינג“. און ניט נאָר דערמאָנען, נאָר ער וועט זיך אויך אָפּשטעלן ברייטער אויף דער הערלאַכער ראָלע, וועלכע דער „אַרבעטער רינג“ האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער באַוועגונג. אין אייניגע קריטישע מאָמענטן האָט זיך דער „אַרבעטער רינג“ פאַר־וואַנדלט אין אַ מעכטיקער פעסטונג, וועלכע די שונאים פון דער אַרבעטער באַוועגונג האָבן בשום אופן ניט געקענט דורכברעכן.

ניט אומזיסט קוקט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע מיט דאַנקבאַרקייט און שטאָלץ אויף איר שטענדיקן געטרייען שותף און פריינט — אויף דעם „אַרבעטער רינג“.

די גאָלדענע קייט

ווען די טוער פון דעם „ארבעטער רינג“ ווארפן א בליק אויף דעם וועג, וועלכן זיי זיינען דורכגעגאנגען, קאָנען זיי איצט מיט צופרידנהייט און שטאָלץ ארויסזאָגן: „מיר האָבן געגוג געקעמפט צו באפעסטיקן און אנטוויקלען אונזער גרויסן ארבעטער אָרדען; עס האָט אָבער געלוינט צו קעמפן און אוועקצולייגן אזוי פיל מי און ענערגיע: די פרוכט פון אונזער מי זיינען וואונדערבארע, און מיר האָבן ניט קיין חרטה אויף די יאָרן פון אונזער שווערער ארבעט“.

און זיי זיינען בארעכטיקט צו אזא צופרידנהייט. זיי וועלן איבערלאָזן נאָך זיך א רייכע ירושה, וואָס איז געזאמלט געוואָרן אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן.

עס פרעגט זיך אָבער: צי וועלן די קומענדיקע יורשים קענען אָפּהיטן די ירושה? צי וועלן זיי וועלן און צי וועלן זיי קענען דעם מעכטיקן אָרדן ווייטער אנטוויקלען?

וואָס וועט דער יונגער דור אויפטאָן מיט דער רייכער אָרגאניזאציע, וואָס דער עלטערער דור האָט מיט אזוי פיל שוועריגקייטן, מיט אזא אָפּפערווילינקייט און אידעאליזם געבויט דריי צענדליק יאָר נאָכאנאנד?

וועט ער פארשטיין די פליכטן, וואָס ליגן אויף אים? וועט ער אויסנוצן די אַלע מעגלאכקייטן, וועלכע ער האָט פאר זיך? וועט ער וועלן בויען ווייטער?

אָט די אַלע פראגן עגבערן איצט די מוחות פון די פריהער־דיגע בויער. אָבער מיט האָפנונג און גלויבן קוקט דער עלטערער

דור אויף דעם איינגערן. דער איינגערער דור האָט פאַר זיך אַ ברייטערן פעלד און פיל גרעסערע מעגלאַכקייטן ווי דער עלטערער דור.

די אימיגראַנטן פון פאַר דריי—פיר צענדליק יאָר צוריק האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שטיינערנעם באָדן און אומגעהייערע שוועריגקייטן. זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געפילט ווי פרעמדע אין אַ פרעמדן לאַנד. אַזוי האָט מען אויף זיי געקוקט, און דאָס האָט מען זיי געלאָזט פילן אויף יעדן שריט.

דער איינגערער דור אָבער איז שוין געבאָרן געוואָרן און אויסגעוואַקסן דאָ, אין דעם פרייען לאַנד פון דער „נייער וועלט". ער פילט זיך דאָ ווי אַ פולבארעכטיקט קינד, און קיינער קען אים ניט מאַכן קיין פאָרוואורף, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער. ער פילט זיך דאָ ווי ביי זיך אין דערהיים. ער טראָגט ניט אין זיין האַרצן דעם טיפן ריס, וואָס עס טראָגן זיינע עלטערן. ער איז אַ גאַנצער לויט זיין גייסט, לויט זיין קולטור, לויט זיין לעבן.

און דעריבער האָט דער יונגער דור פאַר זיך די פולע מעגלאַכקייטן צו שאַפן פון דעם „אַרבעטער רינג" נאָך אַ פיל שענערן און בעסערן בנין, ווי דער, וועלכן דער עלטערער דור האָט אויפגעבויט.

פון אַ קליין רינגעלע, וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן מיט קאַרגע פיר צענדליק יאָר צוריק, איז געוואָרן אַ גרויסער מעכטיקער רינג. דער יונגער דור דאַרף זיך איצט נעמען שמידן אַ צווייטן רינג, ווייל יעדער דור דאַרף אויסשמידן זיין אייגענעם רינג. צוזאַמען וועלן מיר, די אידישע אַרבעטער מאַסן פון אַמעריקע, אויסשמידן אין פאַרלויף פון דורות אַ לאַנגע גאָלדענע קייט, וואָס וועט זיין ניט פון יענע קייטן, וועלכע פאַרשקלאַפן די מענטשן, נאָר יענע קייט פון פראָגרעס, וועלכע ציט זיך שוין פון הונדערטער יאָרן און וועט זיך ציען ביז אומענדלאַכקייט.